בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט
די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה
שליט"א ביים שיעור פעולת הצדיק,
שבת פרשת כי תשא - שבת פרה, שנת
תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | היכל הקודש וויליאמסבורג<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| היכל הקודש קרית יואל<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | היכל הקודש קרית יואל<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| היכל הקודש בארא פארק<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | היכל הקודש מאנסי<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| קול<br>ברסלב<br>**212-444-9191** | חיזוק פאר די<br>אידישע שטוב<br>**212-444-9169** |

**חיזוק יומי**

צו באקומען די חיזוק יומי

| | |
|---|---|
| אימעיל | טעלעפאון מעסידזשינג |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

**שבת קודש פרשת תשא, שבת פרה, שנת תשפ"א לפרט קטן, פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק, פון סימן תשטז ביז סימן תשכז.**

סימן תשכב: [אינמיטן די שטיקל]: עָנָה וְאָמַר ר' נָתָן: "לַחְזֹר בָּעִיר מָאהַלוֹב, אֵין זֶה מִכְּבוֹדִי לִסַּע עִם מַשָּׂאוֹי כָּזֶה, כִּי לִנְסֹעַ לְרַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כְּדַאי אֲפִילוּ בְּבִזָּיוֹן וַאֲפִי' לֵילֵךְ רַגְלַי, אֲבָל לַחֲזֹר לְבֵיתִי אֵינִי רוֹצֶה עִם עֲגָלָה כָּזֹאת!"

רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: ווען איך גיי צום רבי'ן איז מיר נישט קיין חילוק ווי אזוי איך גיי, דעמאלט גיי איך אפילו אויף א וועג וואס עס פאסט נישט, אבער צוריק אהיים קומען וויל איך נישט מיט דעם וואגן וואס איז פול מיט גלאז, ווייל דאס קען מער פארשטערקערן די מחלוקת אויף מיר, זעענדיג ווי איך קום אהיים דורך אזא מאדנע וועג.

סימן תשכג: איידער דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם סימן האט א אינגערמאן געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א: ווי אזוי האט רבי נתן איבערגעלאזט זיין ווייב און קינדער אויף אזא לאנגע צייט, אויף גאנץ חודש תשרי? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: אזוי פלעגט זיין אין אלע חסידות'ער, מען פלעגט פארן צום רבי'ן אויף גאנץ תשרי, אזוי איז אין 'ליובאוויטש' און אין נאך פלעצער. מיין זיידע הגאון הצדיק דער קארלסבורג'ער רב (שליט"א) [זכר צדיק לברכה] האט געוואוינט אלס אינגערמאן אין ארץ ישראל, פלעגט ער אריינקומען קיין אמעריקע צום סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו אויף גאנץ תשרי, פון א' סליחות ביז נאך שמחת תורה.

אינטערעסאנט איז יעדער וואס וויל פארן אויף ראש השנה צו זיין רבי'ן מעג ער פארן, קיינער מאכט נישט קיין רעש דערפון, מען

פארשטייט אז ער וויל זיך אויסבעטן ביי זיין רבי׳ן א גוט געבענטשט יאר, אבער אויב וויל ער פארן צום רבי׳ן קיין אומאן דאן ווערט שוין א גאנצע רעש און א טומל ׳היתכן ער לאזט איבער זיין ווייב און קינדער אזוי לאנג ? !...׳ די זעלבע זאך זעט מען מענטשן פארן אוועק פון שטוב צוליב זייער ביזנעס אויף עטליכע טעג הערט מען קיינעם נישט מאכן א רעש ׳היתכן ער לאזט איבער זיין ווייב און קינדער אזוי לאנג ? ! נאר ווען עס קומט לגבי אומאן דעמאלט מאכט מען א רעש, איי דער וואס פארט וועגן ביזנעס איז נאר א ספק צי ער וועט עפעס פארדינען אבער ביים קומען צום רבי׳ן איז דאך א זיכערע פארדינס !

דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט נאכדעם וואס דער רבי איז אוועק פון די וועלט, אז ער האט חרטה פארוואס ער איז נישט געבליבן נאך לענגער ביים רבי׳ן, ער וואלט ווען געדארפט בלייבן ביים רבי׳ן מער כדי ער זאל קענען הערן און שרייבן פון רבי׳ן נאך און נאך ; די אלע ספרים וואס איז דא פון רבי׳ן, די אלע התחזקות וואס מענטשן האבן פון רבי׳ן, די גאנצע זאך וואס די גאנצע וועלט דריידט זיך איבער מיט ברסלב שוין א משך פון צוויי הונדערט יאר - אלעס קומט צו פארדאנקן דעם הייליגן רבי נתן, ער האט אפגעשריבן אלעס וואס ער האט געהערט פון רבי׳ן ; דער רבי איז באקאנט געווארן אויף די וועלט ווען ער איז אלט געווען צוואנציג יאר, און דער רבי איז אוועק ביי די אכט און דרייסיג יאר ; ווען רבי נתן איז אנגעקומען צום רבי׳ן איז שוין דער רבי אלט געווען דרייסיג יאר, קומט אויס אז אלעס וואס מיר האבן פון רבי׳ן איז נאר פון די לעצטע אכט יאר וואס דער רבי האט געלעבט.

אבער דאס אז מען פלעגט בלייבן ביים רבי׳ן אזוי לאנג איז נאר געווען ווילאנג דער רבי האט געלעבט, אבער פון ווען דער רבי איז נסתלק געווארן איז נישט געווען אזא זאך פון אפזיצן אין אומאן אויף א לענגערע צייט, עס איז געווען א צייט וואס רבי נחמן טולטשינער זכרונו

לברכה פלעגט שטיין מיט א שטעקן ביים רבי׳נס ציון אין אומאן און פארטרייבן אלע מענטשן וואס האבן זיך דארט פארזוימט סתם אזוי; אז מען קומט צום רבי׳ן, קען מען זיך נישט פארזוימען דארט א לענגערע צייט, מען קען נישט איבערלאזן די ווייב און קינדער אליין.

סימן תשכז, הגה אות כ: הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ בֵּרֵךְ יְהוּדִי אֶחָד, שֶׁיִּזְכֶּה לְקַבֵּל פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, אִיהר זָאלְט דֶער לֶעבְּ׳ן מָשִׁיחַ׳ן, וְהֶאֱרִיךְ יָמִים עַד מְאֹד, וּבִזְמַן רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיָה כְּבָר בְּגִיל שֶׁל מֵאָה וְחָמֵשׁ עֶשְׂרֵה (115). וּמֵרֹב זִקְנוּתוֹ כְּבָר קָץ בְּחַיָּיו וְרָצָה לָמוּת. וְהָיָה נוֹסֵעַ אֶל כָּל הַצַּדִּיקִים לְהִתְאוֹנֵן לִפְנֵיהֶם, הֱיוֹת שֶׁהַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ בֵּרְכוֹ, שֶׁיִּזְכֶּה לְקַבֵּל פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וַעֲדַיִן לֹא זָכָה לָזֶה וְהוּא כְּבָר זָקֵן מֻפְלָג וְקָץ בְּחַיָּיו – וְעַל כֵּן אֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה לַּעֲשׂוֹת. וְשׁוּם צַדִּיק לֹא יָדַע מַה לַּהֲשִׁיבוֹ רַק כִּבְּדוּ אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד, מֵאַחַר שֶׁזָּכָה לְקַבֵּל בְּרָכָה כָּזוֹ מֵהַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ. פַּעַם אַחַת בָּא לָעִיר בְּרֶסְלֶב וְשָׁמַע, שֶׁגָּר כָּאן נֶכֶד הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ (רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה) – עַל כֵּן נִתְיַשֵּׁב לְהִכָּנֵס אֵלָיו. וְנִכְנַס אֶל רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְהִתְרַעֵם לְפָנָיו מְאֹד, הֱיוֹת שֶׁאֵין לוֹ כְּבָר כֹּחַ וְסַבְלָנוּת לְחַכּוֹת, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִרְאוֹת פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ. וְרַבֵּנוּ חִיֵּךְ מְאֹד וְלֹא עָנָה לוֹ דָּבָר. וְיָצָא הַזָּקֵן מִלִּפְנֵי רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְתֵכֶף וּמִיָּד נִכְנַס בְּדַעְתּוֹ, אוּלַי כִּוֵּן הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ בְּבִרְכָתוֹ, שֶׁיִּזְכֶּה לְקַבֵּל פְּנֵי אַבְרֵךְ זֶה (רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה). וְשָׂמַח מְאֹד, כִּי כֵּן נִסְכַּם בְּדַעְתּוֹ, וְחָזַר לְבֵיתוֹ וְנִפְטַר בְּשֵׂיבָה טוֹבָה.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן רסו): ״צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, נאר איין חילוק איז דא, ביי משיח וועט מער נישט זיין קיין בחירה און יעצט איז נאך דא די בחירה״. דאס איז די גאנצע זאך וואס משיח וועט אריינברענגען אין די וועלט, אז יעדער זאל וויסן אז עס איז נישטא אויף די וועלט קיינער וואס קען דיר העלפן, אויסער דער אייבערשטער, יעדע זאך וואס דו דארפסט זאלסטו גיין צום אייבערשטן; קיינער וועט מער

נישט טראכטן 'דער קען מיר העלפן', 'יענער קען מיר העלפן', נאר מען וועט נאר גיין צום אייבערשטן, צו אזא שטארקע און קלארע אמונה וועט מען דעמאלט זוכה זיין.

וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען? וואס וועט זיך טוישן אין די צייטן פון משיח? מיר פסק'ענען ווי דעם הייליגן רמב"ם, דער הייליגער רמב"ם שרייבט (סוף ספר היד החזקה; הלכות מלכים ומלחמותיהם, פרק יב, ב): "אָמְרוּ חֲכָמִים אֵין בֵּין הָעוֹלָם הַזֶּה לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ אֶלָּא שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת בִּלְבַד", די איינציגסטע חילוק וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען איז דאס אז מיר וועלן מער נישט זיין אונטערטעניגט אונטער די גוי'אישע פעלקער, און עס וועט זיין א בית המקדש, אבער אלעס וועט זיין אזוי ווי פארדעם, ווען משיח וועט קומען וועט ער אריינברענגען אמונה אין די גאנצע וועלט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה יא, ט): "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים" (שם, ה).

אלע חסידות'ער האלטן אז ווען משיח וועט קומען גייט ער אנטפלעקן פאר די גאנצע וועלט אז זיי זענען געווען דער 'אמת', מען דארף גיין מיט זייער סארט היט, מיט זייער סארט גארטל, מיט זייער סארט שטיוול וכו', אבער דער נביא זאגט אנדערש, דער נביא זאגט (צפניה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'", ווען משיח וועט קומען וועלן אלע אנהייבן רעדן צום אייבערשטן, נאך שטייט (ישעיה נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן", יעדער וועט שפירן דעם אייבערשטן מיט אזא קלארקייט אזוי ווי מען וואלט אים ווען געזען.

דער רמב"ם זאגט (הלכות מלכים ומלחמותיהם, פרק יב, ב): "וְלֹא יִהְיֶה עֵסֶק כָּל הָעוֹלָם אֶלָּא לָדַעַת אֶת ה' בִּלְבַד", די גאנצע וועלט גייט נאר עוסק זיין אין אמונה צו שפירן דעם אייבערשטן, "וּלְפִיכָךְ יִהְיוּ יִשְׂרָאֵל חֲכָמִים גְּדוֹלִים וְיוֹדְעִים דְּבָרִים הַסְּתוּמִים וְיַשִּׂיגוּ דַּעַת בּוֹרְאָם כְּפִי כֹּחַ הָאָדָם. שֶׁנֶּאֱמַר (ישעיה יא, ט): כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", יעדער וועט ווערן

זייער קלוג אין אמונה, יעדער וועט פיל ווערן מיט דעת אין אלוקות; עס וועט זיך עפענען ישיבות 'ישיבת האמונה' דארט וועט מען דורכטון די אמונה אינעם אייבערשטן, קיינער וועט נישט וועלן גיין ארבעטן אלע וועלן נאר וועלן רעדן און שמועסן פון אמונה. די גוים וואס וועלן איבער בלייבן אין יענע צייט זיי וועלן ארבעטן אנשטאט די אידן, זיי וועלן אקערן און איינזייען די פעלדער פון די אידן.

און דאס זענען מיר זוכה אז דער רבי טוט דאס שוין מיט אונז היינט, ער ברענגט אריין אין אונז די קלארע אמונה אינעם אייבערשטן; דער רבי האט געזאגט אויף זיך דעם לשון הגמרא (סנהדרין צח:): "אָמַר רַב נַחְמָן אִי מִן חַיָּיא הוּא כְּגוֹן אֲנָא", רב נחמן האט געזאגט: אויב משיח איז פון די לעבעדיגע בין איך עס, ווייל אין יעדן דור איז דא א משיח, אויב די דור איז נישט ראוי גייט ער אוועק פון די וועלט און עס קומט א אנדערע משיח, האט דער רבי עס מרמז געווען אויף זיך, אז ער איז געווען משיח אין זיין דור, ווייל דער רבי ברענגט אריין אין אונז די עצות וואס משיח וועט אריין ברענגען אין די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר זוכה זיין צו שיינע זאכן, אמן.